# קהלתינו המעטירה

יו"ל ע"י התאחדות אברכים ד'סאטמאר - אנטווערפען יצ"ו

גליון א' • עש"ק ויצא ו' כסלו תשע"ב

נייעס און אנטוויקלונגען
אינערהאלב קהלתינו הקדושה


## היסטאָרישע התמנות פון מורי צדק בקהלתינו הק' געשפּרעך פון טאָג איבער די גאַנצע שטאָט

זעהט זייטן 2 און 11

## העפטיגע בוי־אַרבייט ביי בניני קהלתינו הק' רופט אַרויס גרויס פרייד ביים ציבור

אלע דעטאלן וועלן אי"ה געמאלדן ווערן אינעם ספעציעלן קונטרס וואס ווערט ארויסגעגעבן לרגל מוצש"ק וישב כ"א כסלו הבעל"ט

## קהלתינו הק' ב"ה מוסיף והולך בעניני לימוד התורה

לייענט באריכטן אויף זייטן 8, 9, און 10

• חסדי ה' כי לא תמנו כי לא כלו רחמיו •

# יום הצלה "כ"א כסלו" וועט אי"ה פארקומען מיט גרויס פייערליכקייט

הגה"צ אבדק"ק סאטמאר לאנדאן שליט"א וועט אי"ה זיין צוגאַסט אין שטאָט אויף שב"ק פ' וישב כ"א כסלו און אויפטרעטן אלס "נואם הכבוד" ביי די צענטראַלע סעודת הודאה מוצש"ק וישב

לייענט זייט 12

**<u>א נקודה למחשבה:</u>**

# בבית אלקים נהלך ברגש

הרה"ח ר' סענדר דייטש ז"ל דער ראה"ק ומנהל מוסדות סאַטמאַר דערציילט אין זיין חיבור "בוצינא קדישא" (ח"א אות קל"ז):

"הרה"ח הישיש ר' משה אלי' עסטרייכער ז"ל האָט זיך אַמאָל מתנצל געווען פאַר מרן רבינו הק' זי"ע אַז היות עס איז איהם שווער צו גיין מיט די פיס מחמת זיין שוואַכקייט לעת זקנתו, ממילא איז איהם כמעט אוממעגליך צו קומען שבת דאַוונען בבית מדרשו פונעם רבי'ן.

"האָט איהם דער רבי מייעץ געווען אַז ער זאָל בעטן איינע פון זיינע אייניקלעך זאָל איהם באַגלייטן און ער זאָל זיך אָנלאַנען אויף איהם, און אויב עס איז נישט גענוג מיט איין אייניקל זאָל ער בעטן פון צוויי אייניקלעך זיי זאָלן איהם אונטערלאַנען".

*

אָט... און מיר שטייען שוין דערנאָך.

די "ערשטע חודש תשרי" בהיכל בית מדרשינו, די ימים נוראים, חג הסוכות און שמחת תורה שנת תשע"ב לפ"ק זענען שוין פאַראיבער. און מיר זענען שוין אַריינגעטראָטן אינעם ווינטער זמן.

עס לאָזט זיך ממש נישט גלייבן. ביז אַ תקופה נישט אַזוי לאַנג צוריק, ווער האָט דען דאַן געגלייבט אַז די ימים נוראים וחג הסוכות שנת תשע"ב וועט מען שוין פראַווען בתוככי בית מדרשינו?!, עס האָט דאַן אויסגעקוקט ווי אַ ווייטער חלום. אָה! לולי ה' שהי' לנו!

על זאת שבחו אהובים ורוממו לקל ונתנו ידידים זמירות שירות ותשבחות, מיר דאַרפן דאַנקן און לויבן השי"ת פאַר די געוואַלדיגע סייעתא דשמיא וואָס די הנהלת קהלתינו הק' זעהט כסדר אויף טריט און שריט, און בעטן ווייטער "ואל תטשנו ה' אלקינו לנצח", להגדיל תורה ולהאדירה.

*

אַרויסטרעטנדיג פונעם "ערשטן חודש תשרי" לאָזט זיך אָבער אַרויסברענגען נאָך אַן אַקטועלע נקודה.

אונזער הייליגע קהלה טראָגט דעם נאמען "קהל יטב לב ד'סאַטמאַר", וואָס כידוע האָט מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע אַליינס קורא שם געווען דעם נאמען "יט"ב לב", לשמו ולזכרו הק'.

אונזער הייליגער רבי זי"ע האָט ליידער נישט איבערגעלאָזט קיין דורות נאָך זיך, אָבער די הייליגע קהלות און מוסדות וואָס ער האָט אויפגעשטעלט איז געווען משאת נפשו וחייו וואָס אויף דעם האָט ער געאַרבייט אוממידליך במשך כל ימי חייו עלי אדמות.

עס איז באַקאַנט אַז עס איז געווען גאָר שטאַרק דעם רבי'נס רצון אַז אנשי שלומו ותלמידיו זאָלן דאַווענען אויסדרוקליך אין די סאַטמאַרע בתי מדרשים, ווי דער רבי שרייבט אין אַ בריוו געדרוקט אין מכתבים דברי יואל (ח"א אות י"ב) וואָס דער רבי האָט געשריבן צו אנשי שלומינו אין ירושלים עיה"ק בשנת תשי"ב נאָכדעם וואָס דער רבי האָט דאָרט באַזוכט "אבקש מכל אנ"ש שבירושלים המתפללים במקומות מפוזרים, שיתאחדו יחד להתפלל בבית מדרשינו בשבתות ויו"ט ובימות החול בערב ובבוקר בתמידות בכל יום", עכל"ק.

די זקני החסידים פון דאָהי ווייסן צו דערציילן אַז בשנים קדמוניות

(פאַרזעצונג אויף זייט 7)





לרגל די התמנות פון הרה"ג ר' מאיר ווינבערגער שליט"א און הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א אלס מורי צדק דקהלתינו הק', זענען די נייע מו"צ, הרה"ג רבי בעריש קאהן שליט"א ראה"כ, אינאיינעם מיט ראשי והנהלת קהלתינו הק' אריין דעם מאנטאג נאכט פ' ויצא אל הקו"פ ביי כ"ק אדמו"ר מפשעווארסק שליט"א אפצונעמען ברכת קדשו לרגל די התמנות.

נאכן א קורצן שמועס, האט דער פשעווארסק'ער רבי שליט"א גאר ווארעם אנגעוואונטשן פאר די פרישע מורי הוראה שליט"א, אז מען זאל האבן הצלחה און סייעתא דשמיא להגדיל תורה ולהאדירה.

# קול תורה קלינגט אפ יעדן מוצאי שב"ק ביים סדר הלימוד פון "ושננתם לבניך"

ארייגנרעטענדיג אין די ווינטער חדשים שיינט ארויס די "חברת ושננתם לבניך", ווי יעדן מוצאי שב"ק קומען זיך צוזאם א גרויסע צאל עלטערן מיט די קינדער ברוב עם הדרת מלך.

צוליב'ן פארלאנג פונעם גרעסטן טייל פון די עלטערן איז נקבע געווארן די סדר הלימוד אויף תיכף נאך מעריב, וואס דאס קומט אויס די מערסטע צוגעפאסט.

ווער עס האט נאר געהאט די געלעגנהייט צו זיין אנוועזנד אינעם "עזרת נשים" בהיכל בית מדרשינו אין צייט פונעם סדר הלימוד האט געוויס הנאה געהאט פון דעם מחזה הוד, ווי עס זיצן צענדליגע בעלי בתים און אינגעלייט, און לערנען מיט זייערע קינדער. טייל פאראהערן די קינדער די לימודים פון חדר, און טייל לערנען אייגענע לימודים צו ארייגעבן אין די קינדער דעם ריכטיגן אהבת התורה און ידיעות התורה, און זענען ריכטיג מקיים דעם מצות עשה פון "ושננתם לבניך" אין פשוט'ן זין פון ווארט.

עס איז איבריג צו באטאנען דאס נחיצות פון לימוד התורה אין די מוצאי שבתות, וואס דאס איז די ריכטיגע התחלה אויף די קומענדיגע ששת ימי המעשה. אבער ווי דער פאקט האט געוויזן איז דער כלל פון "דברי תורה צריכין חיזוק" געזאגט געווארן בפרט אין די ימי השבתות ווען מענטשן האבן באמת מער צייט צו לערנען מיט די קינדער, און דאס ווערט ליידער פאר'בטל'ט מיט פארשידענע ביטולים.

דעריבער איז ווי געוואונטשן די סדר ברוב עם הדרת מלך, וואס דאס געבט דעם ריכטיגן כח הרבים צו מחזק זיין דעם כח התורה ביי די קינדער.

דער געדאנק איז אייגנטליך נישט קיין נייער, און עס איז כסדר אויפגעברענגט געווארן דורך ערפארענע מלמדים און מחנכים די נויטוועדיגקייט פון פאראהערן די קינדער און מיטהאלטן כסדר די לימודים פון די קינדער אין חדר, וואס חוץ דעם תועלת אז דער טאטע האט אליין די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן די הארעוואניע וואס ווערט אריינגעלייגט אין די קינדער דורכאויס די וואך, און ווי אויך צו באמערקן אויב עס איז פארהאן דברים הצריכים תיקון ביי דעם קינד, איז עס גלייכצייטיג אויך א שטארקער חיזוק פארן קינד אז זיין טאטע ווייסט פונקטליך וואו ער האלט מיט זיינע לימודים, און עס דערקענט זיך א גאנצע וואך אויפן קינד אז דער טאטע וועט איהם פארהערן מוצאי שב"ק.

די "חברת ושננתם" ווערט אנגעפיהרט מיט גרויס געניטשאפט דורך העסקן מוה"ר אהרן משה ריינער הי"ו, וועלכער לייגט אריין גרויס כוחות צופרידנצושטעלן די טייערע קינדער און אריינברענגען דעם ריכטיגן חשק מיטצוהאלטן מיט דעם סדר.

ושננתם לבניך ודברת בם.

# פיהלע תינוקות של בית רבן זענען זיך משתתף מדי שבת בשבתו אינעם חברת תהלים "תהילות יואל"

טראץ שטייענדיג אין די ווינטער שבתים ווי די שבת נאכמיטאג'ס זענען גאר קורץ. פארפאסן נישט די פיהלע תינוקות של בית רבן פון צו קומען מיטהאלטן וועכענטליך ביים "חברת תהלים".

די "חברת תהלים" איז נתייסד געווארן און גייט שוין אן פאר פיהלע יארן אונטערן אנפירערשאפט פון הרה"ח ר' ליפא בערקאוויטש הי"ו מראה"ק. ווי א האלבע שעה פאר מנחה קומען זיך צוזאם די טייערע צאן קדשים אינעם "עזרת נשים" בהיכל בית מדרשינו און זאגן תהלים, וואס די קול אדיר וחזק פונעם תהלים זאגן הערט זיך ארויס ביז אויפן גאס און איז זיכער בוקע רקיעים.

אויך דארף דערמאנט ווערן העסקן מוה"ר אפרים שלמה טאמבור הי"ו וועלכער געבט זיך אוועק דערפאר מיט א געוואלדיגע איבערגעגעבנקייט.

מפי עוללים ויונקים יסדת עוז.



# חודש תשרי אינערהאַלב קהלתינו הק׳



# ״רחושי מרחשן שפוותיה״ נאך געהויבענע חודש תשרי אפגעראכטן בהיכל בית מדרשינו

אויף א אויסערגעווענליכן פארנעם און מיט א געוואלדיגע דערהויבנקייט איז היי יאר געפראוועט געווארן דעם חודש תשרי בתוככי קהלתינו הק׳.

מיר וועלן אין די קומענדיגע שורות נישט באשרייבן דעם גאנצן יו״ט נאר אראפברענגען געציילטע נקודות, ואידך פירושא זיל גמור.

כנהוג ווי עס איז איינגעפיהרט בכל תפוצות ישראל איז בעפאר ראש השנה פארדינגען געווארן די פיהלע זיצן בליעה״ר בהיכל בית מדרשינו, און אין די עזרת נשים. עקסטער איז אינעם דערנעבנדיגן צימער פונעם עזרת נשים צוגעלייגט געווארן פיהלע טישן און בענק, און די צימער איז פארנוצט געווארן אלס א טייל פונעם עזרת נשים.

## ראש השנה ויוהכ״פ

די תפלות במשך די טעג פון ראש השנה זענען אריבערגעגאנגען מיט א עקסטערע דערהויבנקייט, ווי עס האבן פארגעדאווענט פארן עמוד די חשוב׳ע בעלי תפלות שליט״א, כאו״א בשמו הטוב יבורך. ווי דער ציבור איז גלייכצייטיג געווען דאנקבאר פאר די הנהלת הקהלה פארן אהערשטעלן אזעלכע פאסיגע בעלי תפלות לשביעת רצון כל המתפללים.

אויך איז אהערגעשטעלט געווארן א קאפעליע פון די ילדי תשב״ר וועלכע האבן אינאיינעם געזינגען ביי ״ויאתיו״ דעם נייעם הקפה ניגון וואס ווערט געזינגען בחצר קדשו פון כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א. (וועלכע איז שפעטער אויך געזינגען געווארן ביי די הקפות שמע״צ ושמח״ת, און ווערט געזינגען יעדע וואך ביי סעודה שלישית אויף ״שיר המעלות״).

עס איז אויך עקסטער צוגעשטעלט געווארן ״תקיעת שופר בלאזן״ פאר פרויען און מיידלעך ביים ערשטן שטאק פונעם ערשטן בנין.

די זעלביגע איז דער יום הקדוש אריבער מיט א געוואלדיגע התרוממות הנפש און ערנסטקייט אויפן גאנצן ציבור, ווען דער ציבור איז ארויסגעטראטן פון די הייליגע טעג מיט די האפענונג אז מען זאל האבן גע׳פועל׳ט אלעס גוט׳ס.

## חג הסוכות

בעפאר סוכות האבן די חשובע עסקנים געארבייט אוממידליך צוצושטעלן די גרויסע סוכה דקהלתינו הק׳ וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן אינעם חצר דבית מדרשינו, און עס איז טאקע אויפגעשטעלט געווארן א שיינע גרויסע סוכה באצירט כראוי וכיאות לכבוד החג.

אזוי אויך זענען די ערשטע טעג סוכות פארגעקומען מיט גרויס התרוממות הנפש. און במשך די חוה״מ טעג זענען פארגעקומען עטליכע מניני שחרית בהיכל בית מדרשינו.

אום זונטאג נאכט ליל ג׳ דחוה״מ אושפיזא דאהרן כהנא קדישא איז תיכף נאך מעריב פארגעקומען פרייליכע ריקודין לכבוד היום ווי דער גאנצער ציבור החשוב, בעלי בתים חשובים, אברכים יקרים, בחורי חמד, און ילדי תשב״ר האבן זיך משמח געווען א לענגערע צייט בתופים ובמחולות בשירה ובזמרה.

דאן איז פארגעקומען די גרויסע סעודה לכבוד היום אין די סוכה, ווי עס איז סערווירט געווארן א סעודה פארן גרויסן ציבור משתתפים בליעה״ר. אינמיטן די סעודה האט דער ציבור מקבל פנים געווען בכבוד הרה״ג רבי אהרן שיף שליט״א רב ואב״ד דקהלת מחזיקי הדת, וועלכער האט דערנאך אויך אויפגעטראטן מיט שיינע דברי חיזוק מעניני דיומא, און בסוף דבריו ארומגערעדט איבער די געוואלדיגע חשיבות פון קביעת עתים לתורה.

## די צווייטע טעג יו״ט

אויפן זעלבן פארנעם זענען די ״צווייטע טעג יום טוב״ אפגעראכטן געווארן אויף א געהויבענעם שטייגער, ווי דער ציבור האט זיך משמח געווען בשמחת התורה מיט א פייערליכקייט.

א ספעציעלע הנאה איז געווען ביים גאנצן ציבור פונעם פרישן סדר בנוגע עולה זיין לתורה ביום שמח״ת וואס איז ארגאניזירט

# חודש תשרי אינערהאַלב קהלתינו הקי'

געווארן. שוין אנגעהויבן פון א האלבע שעה בעפארן דאווענען תפלת שחרית האט שוין דער ציבור אנגעהויבן עולה צו זיין, אזוי ארום אז במשך די הפסקה האט נאר נאך א קלענער ציבור געדארפט עולה זיין, וואס דאס האט אויטאמאטיש איינגעשפארט פון לענגערע הפסקות.

אזוי אויך איז מטעם הקהלה צוגעשטעלט געווארן לייכטע איבערבייס אויף קידוש צו מאכן אין די סוכה, און די גרויסע קידוש פונעם "חתן תורה" איז פארגעקומען נאכן דאווענען.

ארויסטרעטענדיג פון די געהויבענע און התרוממות'דיגע טעג, איז די בקשה ביים גאנצן ציבור "כאשר שמענו כן עוז נחזה" מיטצוהאלטן כהנה וכהנה נאך אזעלכע שיינע ימים טובים בהיכל בית מדרשינו.

והשיאנו ה"א את ברכת מועדך.





**בשעת דאס אויפשטעלן פונעם גרויסן סוכה בחצר בית מדרשינו הגדול אין די טעג בעפאר יו"ט**

# שיינע שיעורים בהלכה ואגדה צוגעשטעלט לקראת די ימים טובים

**אויף אַ אויסערגעווענליכן פאַרנעם ווי קיינמאָל בעפאָר זענען היי יאָר לרגל די ימים טובים צוגעשטעלט געוואָרן פאַרן ציבור מתפללים ולומדים בהיכל בית מדרשינו הערליכע שיעורים בעניני דיומא בהלכה ואגדה, וואָס האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים ציבור.**

צווישן די שיעורים זענען געווען ווי פאָלגענד: מיטוואָך פ' נצו"י איז פאָרגעקומען אַ שיעור כללי בהל' ראש השנה דורך הרה"ג ר' יושע אשר לויפער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק'. דאָנערשטאָג פ' נצו"י איז פאָרגעקומען אַ שיינער שיעור בפי' התפלה פון ר"ה דורך הרה"ג ר' יעקב שרייבער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק'. מאָנטאָג פ' האזינו איז פאָרגעקומען אַ שיעור נפלא דברי חיזוק והתעוררות לקראת דעם יום הדין ר"ה דורך הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ דקהלתינו הק'.

זונטאָג צום גדלי' איז פאָרגעקומען אַ הערליכער שיעור בעניני דיומא דורך הרה"ג פה מפיק מרגליות רבי יחזקאל אינזליכט שליט"א מו"צ בקהל יטב לב ד'סאַטמאַר לאָנדאָן יצ"ו, ווי אַ גאָר שיינער ציבור האָבן זיך באַטייליגט און געשלונגען מיט דורשט די דברים יקרים מפנינים.

מיטוואָך עשי"ת איז פאָרגעקומען אַ שיינער שיעור אגדה בענין "היכי דמי תשובה" דורך הרה"ג ר' שלמה לייזער שליט"א נכד כ"ק אדמו"ר מפשעוואָרסק שליט"א.

זונטאָג און מאָנטאָג בעפאָרן יו"ט סוכות איז פאָרגעקומען אַ שיעור כללי בהל' ישיבת וברכת סוכה ונענועים דורך הרה"ג רבי מאיר וויינבערגער שליט"א מו"צ דקהלתינו הק'.

אַזוי אויך זענען במשך די ימי חוה"מ פאָרגעקומען שיעורים בעניני דיומא יעדן טאָג צווישן מנחה און מעריב. דעם ערשטן טאָג חוה"מ דורך הר"ר ישראל אפרים שפיטצער שליט"א, יום ב' דחוה"מ דורך הרה"ג רבי אלי' אַפּטערגוט שליט"א, און יום ג' דחוה"מ דורך הר"ר ישעי' יעקב דאסקאל שליט"א.

ספּעציעל זענען די שיעורים כלליים בהלכה צוגעפּאַסט פאַר די חשוב'ע בעה"ב ואברכים שיחי' וועלכע זענען עוסק על המחי' ועל הכלכלה, וואָס דורכדעם קענען זיי זיך צוגרייטן צום יו"ט כראוי.

דער ציבור איז געווען פוהל מיט לויב אויף די הערליכע שיעורים וועלכע זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך די הנהלת הקהלה און די גבאים, און ווי פאַרשטענדליך גייט די יו"ט גאַנץ אַנדערש אַדורך נאָכן זיך אָנזאַפּן מיט אַ הערליכן שיעור בעניני דיומא.

## חודש תשרי איינערהאַלב קהלתינו הק'

# יערליכע "ארבע מינים יריד" ווידעראַמאָל פאָרגעקומען צום צופרידנהייט פונעם ציבור

אזוי ווי שוין אין די פארגאנגענע יארן איז היי יאר נאכאמאל פארגעקומען די גרויסארטיגע "ארבע מינים יריד" ווי מען האט געקענט קויפן די גאנצע סעט פאר א גאר שטוינענד ביליגן פרייז.

די פארקויף איז היי יאר איינגעטיילט געווארן עקסטער, ד.ה. אום צום גדלי' נאכמיטאג האט מען פארקויפט די הערליכע און מהודר'דיגע אתרוגים, און זונטאג ממחרת יוהכ"פ האט מען פארקויפט די הערליכע לולבים און די הדסים.

בשעת די פארקויפן זענען געווען אנוועזנד די חשוב'ע מורי צדק דקהלתינו הק' שליט"א וועלכע האבן ארויסגעהאלפן דעם ציבור מיט אלע שאלות בנוגע די ד' מינים. ווי אויך דער יחיד מומחה בעניני ד' מינים הרה"ג רב דביהמ"ד קהל חסידים שליט"א.

במשך ווען די ד' מינים זענען פארקויפט געווארן האט אנגעהאלטן די שטראמונג פון צענדליגע און צענדליגע אנ"ש וועלכע זענען געקומען זיך איינהאנדלען די ארבע מינים, ווי דער ציבור איז ב"ה איינער נאכן צווייטן ארויס העכסט צופרידן נאכן זיך איינהאנדלן א מהודר'דיגן סעט פאר אזוינע ביליגע פרייזן.

ווי פארשטענדליך דארף אויסגעדרוקט ווערן די הכרת הטוב פאר ידידינו הרבני הנגיד מוה"ר חיים יצחק שווארץ הי"ו וואס ווי אלע יארן איז ער געשטאנען לימינינו מיט א זעלטענע איבערגעגעבנקייט אז די ביליגע יריד זאל קענען פארקומען לשמחת לב כל הציבור. ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה ולברכה כל הימים.







רעכטס: ביי די לולבים פארקויף זונטאג ממחרת יוהכ"פ לינקס און צענטער: ביי די אתרוגים יריד זונטאג צום גדלי'





**ביי די סעודת אושפיזא דאהרן כהנא קדישא זונטאג נאכט ליל ג' דחוה"מ אין די סוכה הגדולה דקהלתינו הק'**

רעכטס טייל פונעם ציבור לינקס: דער מרא דאתרא הרה"ג רבי אהרן שיף שליט"א ביי זיין דרשה

(פאַרזעצונג פון זייט 2)

האָט דער רבי כמה פעמים געהייסן איבערגעבן פאַר אנשי שלומינו חסידי סאַטמאַר תושבי עירנו בלש"ק "דאַווענען וויל איך מען זאָל ביי מיר אין בית המדרש", און עס איז איהם נישט געווען ניחא אפילו ווען מען האָט געדאַווענט אין אַנדערע חסיד'ישע בתי מדרשים, און אַמאָל האָט זיך דער רבי אויסגעדרוקט: "דאַווענען זאָל מען ביי מיר, אָבער צום טיש און מלוה דמלכה ביי רבי איציקל אדרבה ואדרבה".

אַרויסטרעטנדיג פון די ימים טובים און כאַפּנדיג אַ בליק אויף צוריק, איז געווען אַן עונג רוחני צו זעהן ווי דער ציבור תלמידיו וחסידיו ההולכים לאורו הבהיר האָבן טאַקע פולשטענדיג אויסגעפאָלגט און מקיים געווען דעם רבינ'ס הייליגן רצון, ווען במשך די אַלע תפלות איז די היכל הביהמ"ד געווען מלא על גדותיו, און די תפלות זענען טאקע אַריבער מיט אַ געוואַלדיגע וואַרעמקייט און דערהויבנקייט.

עס איז זיכער און צו האָפן אַז ממקומו יפן ברחמיו, און אַזוי ווי מיר פאַרגעסן נישט פון איהם, פאַרגעסט ער נישט פון אונז בשמי מרומי עילאה, לעמוד בתפלה בעדינו להוושע בכל מילי דמיטב.

*

ומענין לענין. שוין האַלטנדיג ביים ווינטער זמן שנת תשע"ב, האַלטנדיג שוין ביי חודש כסלו, איז אַ פאַסיגע געלעגנהייט איבערצו'חזר'ן די דברות קודש וואָס מרן רבינו הק'


ר"ד נפלאים רבינו הקדוש מסאטמאר זי"ע מעשיך

וכן עמד רביה"ק זי"ע בתוקף ועוז שכל אנ"ש ותלמידיו וחסידיו יתפללו בבית מדרשו דייקא, ודרש מכל אנשי שלומו ויוצאי ישיבתו שבאו לגור באנטווערפען שיתפללו בבית מדרשו דייקא, כי ידע נאמנה שרק ע"ז לא ירעו בשדות זרים, ולא יתדבקו בדיעות הכוזבות והנפסדות שנשבו בין בתי החרדים והחסידים באנטווערפען[שכט].

ואמר כמה פעמים למסור לאנ"ש באנטווערפען בשמו: דאווענען וויל איך מען זאל ביי מיר אין ביהמ"ד, וגם לא היה ניחא ליה אפי' כששמע שהולכים להתפלל בבית המדרש של החסידים, כי אז הסתובבו שם הרבה אנשים עם דיעות זרות[של], ופעם אחת אמר: דאווענען זאל מען ביי מיר, אבער צום טיש און מלווה דמלכא ביי רבי איציקל אדרבה ואדרבה[שלא].

ז"ע האָט משמיע ביום ל"ג בעומר תשל"ב לפ"ק ביים חינוך ביהמ"ד התאחדות אברכים בניני זופניק, האָט ער דעמאָלטס שטאַרק מעורר געווען אַז מען זאָל קומען לערנען דייקא אין די בתי מדרשים נישט ביחידות אינדערהיים, וזלש"ק "ועל

**של עתה באתי לעורר עוד הפעם דהעיקר הוא כמו שאמרתי לעיל שיבואו כאו"א ללמוד בביהמ"ד, ואע"פ שיכול ללמוד גם בביתו מ"מ לפעמים יזדמנו לו שם כמה מניעות ועיכובים שונים, ועל כן מחוייב כל אחד ואחד לבוא וללמוד בביהמ"ד דוקא, איש בל יעדר (קיינער טאָר נישט פעלן), ואם באים ללמוד בצוותא חדא הרי זה ממילא מכניסה בו באדם רוח של יהדות (ברענגט דאָס שוין אַריין יודישקייט)".**

ובפרט די אידן וועלכע זענען עוסק על המחי' ועל הכלכה - זייענדיג מקיים דאָס וואָס חכמינו ז"ל זאגן "גדול הנהנה מיגיע כפו יותר מירא שמים" - דאַרף מען זיך קובע זיין עתים לתורה חק ולא יעבור, אַז עס זאָל נישט אַריבערגיין ח"ו אַ טאָג אָן צו לערנען תורה.

די עסקנים שטייען גרייט צוצושטעלן אַ חברותא פאַר יעדעם איינעם, און עקסטער זענען דאָ פאַרשידענע שיעורי תורה צו וועלכן מען קען זיך מצרף זיין צו יעדער צייט, און אַזוי אַרום האָבן אַ געשמאַק אין לערנען.

# זמני הלימודים אין די כוללים דקהלתינו הק' דעם ווינטער זמן תשע"ב אנגעהויבן מיט הצלחה

שטייענדיג אריין אביסל אינעם ווינטער זמן, קען מען ארויסברענגען מיט פרייד אז די זמני הלימודים אין די כוללים דקהלתינו הק' האבן זיך אנגעהויבן מיט א געוואלדיגע הצלחה.

אינעם כולל לפנה"צ ווי די חשובע אינגעלייט לערנען אינעם ביהמ"ד "בית יעקב", האלט מען פעסט אינמיטן די לימודים אין הל' שבת, וועלכע זענען כהררים התלוים בשערה, און ווי עס איז באקאנט וואס דער יערות דבש שרייבט אז ווער עס קען נישט הל' שבת איז לא ימלט אז ער זאל נישט נכשל ווערן אין חילול שבת ח"ו.

אינעם כולל אחה"צ גייען אן די ביתר שאת ווי עס איז ממש א תענוג רוחני אריינצושפאצירן אין ביהמ"ד מיטצוהאלטן די ריתחא דאורייתא פון די חשובע לומדי תורה. די לימודים גייען אן תחת הדרכת הראה"כ הרה"ג רבי ישכר בעריש קאהן שליט"א מחשובי תלמידי רביה"ק זי"ע.

אזוי אויך די כולל ערב "זכרון יהושע" ממשיך מדי ערב בהיכל בית מדרשינו, ווי מען לערנט די לימודים אין די ראמען פון "חבורת יסודי התורה".

כי הם חיינו ואורך ימינו.

## קהלתינו הקי' מוסיף והולך בעניני לימוד התורה

# פרישע סדר הלימוד אינעם ספה"ק "ויואל משה" שליסט אן פיהלע אנשי שלומינו

רעדנדיג צו סאטמארע אידן איז גענצליך איבריג מסביר צו זיין די נחיצות הענין פון צו לערנען בספרי דבי רב, ווי עס איז געווען מרגלא בפומי' פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע מעורר צו זיין דעם ציבור איבערן לערנען די ספרי דבי רב.

עס איז אינטרעסאנט דא איבערצוזעצן מדב"ק וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען מוצש"ק פ' וירא תשמ"ה לפ"ק ביי די גרויסע מעמד הכתרה אלס רב ואב"ד דק"ק קרית יואל ארומרעדנדיג פון די ענינים: "און דער אמת איז, ס'איז א גרויסער חסרון, ווייל אויב מ'לערנט נישט קען מען נישט, און דאס איז געזאגט געווארן אויף שולחן ערוך און דאס איז געזאגט געווארן אויף גמרא תוס', און דאס איז געזאגט געווארן אויף עניני אמונות ודעות אויך, ס'וואלט געווען זייער א נוצליכע זאך אז פונקט ווי מ'האט איינגעפיהרט אין ישיבה זאל דא איינגעפיהרט ווערן דא אויך, די אלע שיעורים וואס מ'לערנט פאר ברבים, צו די אלע פריוואטע שיעורים וואס מ'לערנט חברים צווישן זיך, אז מ'לערנט א שעה זאל מען יעדן טאג סוף פונעם שיעור זיך מאכן א שיעור אויף איין סימן אין ויואל משה צו לערנען אזוי כסדרן, און מ'וועט זעהן אז מ'וועט געוואויר ווערן זאכן וואס מ'דארף, את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון".

וויבאלד אבער עס איז אביסל שווער צו לערנען די ענינים, ווי דער רבי ז"ל לאזט זיך אריין אין טיפע פארצווייגטע ענינים בפלפול והלכה, דעריבער האבן די עסקנים ארגאניזירט א סדר הלימוד אינעם "מאמר ישוב ארץ ישראל", ווי דער רבי רעדט ארום מעניני גזירת הגלות, און מענין וואס גדולי ישראל פון אלע דורות האבן זיך מונע געווען פון ארויפצופארן קיין ארץ ישראל, וכל המסתעף בזה.

עס וועט פארטיילט א לוח מיט א געגויע קורצן סדר הלימוד פאר יעדן טאג כדי מען זאל עס קענען לערנען יעדן טאג און נישט פארפעלן. און יעדן זונטאג קומט פאר א "שיעור כללי וחזרה" אויף די שיעור וואס איז געלערנט געווארן די פארגאנגענע וואך דורך הרה"ג רבי מאיר וויינבערגער שליט"א מו"צ דקהלתינו הק' ווי עס וועט איבערגעשמועסט ווערן אלע ענינים וואס דער רבי זי"ע איז מבאר און די נקודות היוצאים למעשה מדבריו הקדושים.

אזוי אויך לערנט פאר הרה"ג ר' מאיר שליט"א יעדן נאכט א שיעור אין "ויואל משה" אויפן דערמאנטן סדר וואס איז איינגעטיילט געווארן צו לערנען, וואס ווי באקאנט ווערן די שיעורים פון ר' מאיר שליט"א פארגעלערנט בשפה ברורה ובנעימה מיט א געוואלדיגע קלארקייט.

# הערליכער שיעור אין חומש רש"י ווערט פארגעזעצט יעדן "ליל ששי"

ווי שוין אין די פארגאנגענע יארן ווערט אויך היי יאר פארגעזעצט דעם הערליכן שיעור אין חומש רש"י יעדן "ליל ששי" תיכף נאך מעריב בהיכל בית מדרשינו ביים ווינקל ביי צפונית מערבית (ארום 10:15 אזייגער).

די שיעור ווערט פארגעלערנט בטוב טעם ודעת דורכן פה מפיק מרגליות ופנינים הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ, וועלכער זאגט נאך הערליכע טייטשן און ענינים מספרי גדולי המפרשים, ומספרן של צדיקים.

ווי פארשטענדליך איז אזא שיעור די פאסיגסטע און ריכטיגע הכנה צום בעפארשטייענדן שב"ק, אזוי ווי הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע האט נאכגעזאגט פון זיין טאטן הרה"ק רבי יהושע'לע זי"ע אז דער וואס

# קהלתינו הק' מוסיף והולך בעניני לימוד התורה

לערנט תורה און חסידות אום ליל ששי וועט קענען דערשפירן דעם ריכטיגן טעם פון קדושת השבת קודש.

מענין לענין, עס איז אינטרעסאנט דא צו דערמאנען וואס עס ווערט געברענגט אין ספר "כתר שם טוב" (הוספות אות צ"ח) אין נאמען פונעם בעל שם טוב הק' זי"ע אז כידוע לערנט מען מיט א מענטש די גאנצע תורה אויבן אין הימל בעפאר ער ווערט געבוירן, האט דער בעש"ט הק' געזאגט אז אין ליל ששי לערנט דער מלאך מיטן מענטש די גאנצע פרשה מיטן פי' רש"י הק', און דעם וואס דער באשעפער האט מזכה געווען מיט א גוטן זכרון, ווען ער וועט גרויס ווערן און לערנען ליל ששי די פרשה מיטן פי' רש"י, וועט ער זיך דערמאנען דעם גוטן און זיסן טעם וואס ער האט געהאט לערנענדיג מיטן מלאך בעפארן געבוירן ווערן, עכ"ד הק'.

און דא איז טאקע די געלעגנהייט אויסצורופן צו אלע באי בית ה' ומתפללי בית מדרשינו "טעמו וראו כי טוב"!, שליסט אייך אויך אן אין דעם שיינעם שיעור און מאכט דערמיט די פאסיגסטע הכנה צום בעפארשטייענדן שבת קודש.

# שיעורים בחומש-רש"י און "שבת אחים" בליל שב"ק ציהט א שיינע ציבור משתתפים

מיט גרויס ערפאלג און הצלחה ווערט די וואך שב"ק אפגעצייכנט א צירקע פון פינף וואכן כולן שוין לטובה, זינט עס איז נתייסד געווארן דעם נייעם שיעור בחומש ורש"י וואס ווערט געגעבן יעדן ליל שב"ק דורך מגידים חשובים שליט"א.

במשך פון אלע שבתים פון ליל שב"ק פ' לך לך ווען עס איז נתייסד געווארן דעם שיעור בליל שב"ק האבן שוין משמיע געווען מדברותיהם בנעימים (לויט די סדר פון די וואכן): הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א, הרה"ג ר' שלום יצחק שעהר שליט"א, הרה"צ ר' יעקב כהנא שליט"א, און הרה"ג ר' אברהם שמעון קטינא שליט"א.

די אלע חשוב'ע בעלי דרשנים שליט"א האבן יעדער איינער כפי דרכו משמיע געווען גאר טיפזיניגע ענינים על דרך הפשט בפרשת השבוע, באגלייט מיט בליציגע געדאנקען פון ספרי קודש וספרן של צדיקים, וואס האט גאר שטארק אויסגענומען ביי אלע באטייליגטע.

נאכן שיעור זינגט מען אייניגע ווארעמע ניגונים פון די זמירות שב"ק און נאך פארשידענס, און דערנאך גייט מען ארויס אין א פייערליכן רקידה לכבוד שבת קודש אויף "אז ביום השביעי נחת" און נאך.

עס איז איבריג מאריך צו זיין בגודל הענין פון דאס אז אידן קומען זיך צוזאם בליל שב"ק, און ווי עס איז ידוע דאס ווארט פון הרה"ק רבי דוד מלעלוב זי"ע אויף דאס וואס פרעה הרשע האט געזאגט נאכדעם וואס משה רבינו האט איהם געווארנט ער זאל ארויסלאזן די אידן פון מצרים "לא תאספון לתת תבן לעם וגו'", האט רבי דוד'ל זי"ע געטייטשט אז די כוונה פון פסוק איז "לא תאספון" אז אידן זאלן זיך מער נישט צוזאמנעמען איניינעם בליל שב"ק, ווייל פרעה הרשע האט פארשטאנען אז דאס וואס אידן קומען זיך צוזאם דאס געבט זיי כח ווייטער אנצוגיין אויף די קומענדיגע ששת ימי המעשה, עכדה"ק.

השבת נועם הנשמות והשביעי עונג הרוחות.

# דברות קודש מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אצל מעמד התמנות המו"צ דקהלתינו

מ'איז זיך צוזאמגעקומען מתפללי בית מדרשינו אין אנטווערפען צו א נייע התמנות פון צוויי חשובע מורי צדק פון די קהלה, צוויי תלמידי חכמים יראי השם. דער אויבערשטער זאל העלפן זייער התמנות זאל זיין מיט סייעתא דשמיא לרומם קרן התורה, מ'זאל קענען זיצן און עוסק זיין בתורה מיט הרחבת הדעת להורות דבר ה', און דער אויבערשטער זאל העלפן דער גאנצער ציבור זאל נהנה זיין, און ס'וועט זיין שלום ושלוה אין ביהמ"ד מיט אלע ענינים, מ'זאל לערנען און דאווענען און דינען דעם באשעפער, די ביהמ"ד דארף זיין מיוסד אויף תורה עבודה וגמילות חסדים. דער אויבערשטער זאל העלפן מ'זאל מצליח זיין אין די אלע ענינים מ'זאל גיין למעלה למעלה, דער אויבערשטער זאל העלפן מיט סייעתא דשמיא, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן מ'זאל זוכה זיין אקעגן צו גיין דעם גואל צדק במהרה בימינו אמן.

## קהלתינו הקי' מוסיף והולך בעניני לימוד התורה

# באַרימטע שיעורים אין יו"ד ח"ב צוריק נתחדש געוואָרן ביתר שאת

## ווערט פאָרגעלערנט יעדן מוצש"ק בטוב טעם ודעת פאַר אַ גרויסער ציבור מקשיבים דורכן מו"צ הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א

א גאר שיינער און קאליפּולער ציבור פון אלע יארגענג, און פון פיהלע שיכטן און קרייזן פון איבער די גאנצע שטאט, האבן דעם פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פ' תולדות זיך באטייליגט ביים ערשטן סעריע פון די באַרימטע "שיעורים בהל' טהרה", וואס איז פארגעלערנט געווארן בטוב טעם ודעת דורך הרה"ג רבי ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ דקהלתינו הק'.

עס איז א דבר פשוט אז כדי צו קענען געדענקען אלע הלכות ברויך מען כסדר חזר'ן און איבערגיין, און דאס טוט הרה"ג רבי ליפא שליט"א ביי די אלע שיעורים ווען אויף א קלארן פארנעם גייט מען איבער אלע הלכות וועלכע זענען נוגע, למען לידע את הדרך ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון.

עס איז שוין נתפרסם געווארן די מכתב קודש וואס כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א שרייבט אין זיין הסכמה צום ספר פתחי טהרה: "גם לרבות שיש חיוב לחזור על ההלכות ולהשתתף בקביעות בשיעורים תמידים כסדרן כפי אשר הונהג מרן דו"ז הגה"ק זללה"ה בקהלתינו הק', וכבר אמרו צדיקי קמאי זללה"ה שהחזרה על ההלכות האלו הרי הם שמירה מעולה שלא יכשל ח"ו, ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר".

ווי געזאגט קומט פאר די שיעור יעדן מוצאי שב"ק אום 8:45, אינעם גרויסן צימער נעבן דעם ווייבער שוהל. די שיעורים וועלן אי"ה אנגיין במשך אלע מוצאי שבתות פון די ימי החורף.

# פרישע שיעור בהלכה יעדן מוצאי שב"ק

## ווערט געגעבן דורך הרה"ג ר' יושע אשר לויפער שליט"א אין הלכות בשו"ע או"ח

פארגאנגענעם מוצאי שב"ק פ' תולדות איז צוריק נתייסד געווארן די שיעור בשו"ע אורח חיים וואס ווערט געגעבן בטוטו"ד דורך הרה"ג רבי יושע אשר לויפער שליט"א מגי"ש בקהלתינו הק'.

במשך די זומער וואכן ווען די זמן מעריב איז זייער שפעט דאהי, איז די שיעור אנגעגאנגען מדי יום ביומו מיט א געוואלדיגע הצלחה, ווען דער ציבור האט געהאט די געלעגנהייט צו הערן וויכטיגע הלכות פסוקות פון שו"ע או"ח וועלכע זענען נוגע מדי יום ביומו.

באמת איז גאר וויכטיג צו לערנען שו"ע או"ח וועלכע זענען הלכות וואס זענען כסדר נוגע, און ווי דער פרי מגדים שרייבט אין זיין הקדמה צו שו"ע או"ח אז לערנען שולחן ערוך או"ח "לו משפט הבכורה" דאס קומט די ערשטע בעפאר אלע לימודים, אזוי שרייבט אויך דער משנה ברורה אין זיין הקדמה אז דאס קומט פאר אלעם וויבאלד דאס איז א הכרח פאר יעדן טאג פונעם מענטשן'ס לעבן. אזוי אויך מרן הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע אין זיין באוואוסטן בריוו צו בנו הגה"ק רבי אלעזר ניסן זי"ע שרייבט ער אז ער זאל יעדן טאג לערנען אביסל פון שו"ע או"ח על מנת לעשות. אינעם צוואה פונעם חוות דעת שרייבט ער אויך אז מען זאל יעדן טאג לערנען א דף אדער א עמוד אין שו"ע אורח חיים.

אצינד איז ב"ה די שיעור צוריק נתחדש געווארן ווען יעדן מוצש"ק בשעה 9:30 וועט הרה"ג רבי יושע אשר שליט"א פארלערנען די וויכטיגע הלכות הנוגעים מדי יום ביומו.

# תשית לראשם עטרת פז

## מעמד מרומם פארגעקומען דעם זונטאג פ' ויצא ווען עס איז פארגעקומען די "מסיבת לחיים" לרגל התמנות פון די מורי צדק דקהלתינו הק' שליט"א






רעכטס: מוה"ר ישראל יצחק היימאנן הי"ו האט געדינט אלס יו"ר המעמד. לינקס: טייל פון ציבור בליעה"ר בשעת'ן דרשה פונעם ראש הכולל שליט"א. אין ראם: הרה"ח ר' ליפא בערקאוויטש הי"ו מראה"ק ביים איבערגעבן דעם "דבר הקהלה"





רעכטס: סלאטפינער רב שליט"א ביי זיין דרשה (ווערט געזעהן הר"י הרה"ג ר' יודא טרעגער שליט"א, הרה"ג ר' חיים הורוויץ שליט"א ראה"כ 'כולל אברכים ד'אנטווערפן', הרה"ג אב"ד באבוב שליט"א). לינקס: הרה"ג ר' מאיר וויינבערגער שליט"א מו"צ ביי זיין דרשה (ווערט געזעהן הרה"ג דומ"ץ שומרי הדת שליט"א, הרה"ג ראב"ד מחזיקי הדת שליט"א, הרה"ג רב דביהכ"נ אייזנמאן שליט"א (טיילווייז אפגעהאקט), כ"ק אדמו"ר מפרימישלאן שליט"א און נאך








רעכטס: הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א מו"צ ביי זיין דרשה. לינקס: הגאון בעל ויען דוד שליט"א ביי זיין דרשה. אויבן: טייל פונעם ציבור בשעת די פייערליכע ריקודין נאך געהויבענעם מעמד און כינוס לשם שמים

# התרגשות דקדושה ביים ציבור פארברייטונג צום מעמד מרומם לרגל יום הצלה מוצש"ק וישב

## מעמד וועט דינען דריי פאַכיגע שמחה: מסיבת הודאה לרגל יום הצלת מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - סיום מס' פסחים והתחלת מס' מגילה וואָס ווערט געלערנט דורך אלפי חסידי סאַטמאַר בכל קצוי תבל אין די ראַמען פון חבורת "יסודי התורה" - "דינער מיוחד" געווידמעט לטובת "קרן הבנין" פון בית מדרשינו הגדול והמפואר

תלמידי וחסידי סאַטמאַר תושבי עירנו יצ"ו גרייטן זיך בחדוה עילאה מיטצוהאַלטן דעם היי יאָריגן מעמד מרומם לרגל "כ"א כסלו" יום הצלה והשחרור פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע, וואָס וועט בע"ה געפראַוועט ווערן ברוב פאר והדר דעם קומענדיגן מוצאי שב"ק פ' וישב.

כמדי שנה בשנה קומען זיך צוזאַם שלומי אמוני ישראל בכל מקומות מושבותיהם צו לויבן און דאַנקן השי"ת פאַר די גרויסע נסים וואָס ער האָט מיט אונז געטוהן בהצלת רועה נאמן לבית ישראל להקים עולה של תורה נאָכן ביטערן חורבן וואָס האָט באַטראָפן כלל ישראל ווען עס זענען ליידער אוועקגעריסן געוואָרן מסלתה ומשמנה.

די היי יאָריגע שמחה וועט זיין אַ דאָפּעלטע ווען עס וועט אינאיינעם אויך פאָרקומען די סיום מס' פסחים וואָס איז געלערנט געוואָרן אינערהאַלב די חבורת "יסודי התורה", און התחלת מס' מגילה. ווי פּאַסיג איז צו קאָמבאַנירן דיביידע מעמדים אינאיינעם, אין אַ זמן וועט מען פריידט זיך בהצלת התורה,



טייל פונעם ציבור וואס האבן איבערגעפיהלט דעם זאל פארגאנגענעם יאר מוצש"ק פ' וישב-כ"א כסלו

פריידט מען זיך בשמחת התורה.

אַזוי אויך וועט היי יאָר אינאיינעם מיטן סעודת הודאה פאָרקומען די "דינער מיוחד" וואָס וועט זיין געווידמעט לטובת די "קרן הבנין" פון בנין בית מדרשינו הגדול, מיטן ציהל אָנצושליסן אַלע אנ"ש צו נעמען אַ חלק אין דעם הייליגן פּראָיעקט.

ספּעציעל האבן אנ"ש אויפגענומען די בשורה מרנינה אז הגה"צ המפורסם רבי יוסף בנימין וואזנער שליט"א אבדק"ק סאטמאר לאנדאן איז נעתר געווארן לבקשתינו און וועט אי"ה קומען צו פארן אויף שב"ק פ' וישב כ"א כסלו און פראוועט א געהויבענעם שבת בקרב מתפללי בית מדרשינו.

מוצש"ק ביי די צענטראלע סעודת הודאה וועט דער חשוב'ער רב שליט"א וואס איז באקאנט אלס פה מפיק מרגליות אי"ה אויפטרעטן און משמיע זיין מדבריו היקרים אלס "נואם הכבוד".

אין די טעג אַרבייט אויס הנהלת קהלתינו די לעצטע דעטאַלן פונעם רייכן פּראָגראַם פונעם אָוונט, כדי די מעמד המרומם זאָל געקרוינט ווערן מיט אַ סוקסעס צום צופרידנהייט פונעם גאַנצן ציבור.

חסדי ה' כי לא תמנו וגו'.


אצינד ווען מען איז מסיים מס' פסחים,

**און מען גרייט זיך אנצוהייבן א נייע מסכתא מס' מגילה**

**שפירט אויך דעם גוטן טעם פון ענדיגן א מסכתא!**

מעלדט אייך צו די עסקנים פאר א חברותא,

אדער זייט אייך מצטרף צו איינע פון די שיעורי תורה